בס"ד

# אבותינו בולעטין

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון "אבותינו"

פרשת כי תצא תשפ"ו
גליון 794
08/20/2026

## כסא דנחמתא

הנני בזה להביע השתתפות העמוקה להני ידידים יקרים היושבים בעמק הבכא, לעת פטירת
נזר תפארה, אחד מבני החבורה, האי גברא יקירא, ידיד נאמן לכל בית ישראל, ובמיוחד הגדיל לעשות
עבור הצלת ושמירת מקום מנוחת האבות, ה"ה הרבני הנכבד והמפואר,
כש"ת מו"ה **הערשל לאנדא** זכרונו לברכה,
אשר פעל הרבה שנים להצלת ביה"ח החדש בעיר **אוהעל**
ויבוא בזה תנחומינו לאחיו הדגולים והחשובים העוסקים בלו"נ בעד הביה"ח
ולבנו היקר מוה"ר **זאב** שליט"א, ולכל בני משפחתו הכבודה,
ובודאי זכות פעלו הגדולה אשר פעל, ילך לפניו להליץ בעדו ובעד כל ב"ב היקרים והחביבים הי"ו,
*ומהיום עוד ישמע רק בשורות טובות בבתיכם, המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים*

## זאלאזיץ, סלאוואקיי בראשות הרבני הנכבד מוה"ר **שלמה אליעזר שווימער** שליט"א




Veľké Zalužice, Slovakia

גרויס התעוררות ביי די בני המשפחה ערהאלטענדיג די באריכט איבער די ביה"ח וועלכע איז אין א גאר א שווערן פארנעם הפקר אין א פארלאזטן וואלד רח"ל, די אייניקלעך שטארק אנטשלאסן ארומנעמען דעם ביה"ח נאך אין היי-יעריגן זומער סעזאן.

ווי איצט איז הזמן גרמא, צו בויען א חומה בצורה לטובת המתים ***ווי דערמאנט אין ספה"ק שער המלך אז מיט די חומה בצורה בויעט מען זיך א חומה לשמור מהמקטריגים ווי די מתים זענען מתפלל פאר די וועלעכע האבן זיך מתעסק געווען לטובתם און מיט דעם איז מען זוכה צו כוח"ט בספש"ג ולשנת גאולה וישועה בב"א.***

## מאראש אויוואר, ראמעניע

בראשות ידידינו היקר, איש טוב ומטיב אהוב על כל, איש חיל ועומד לנס עמו ה"ה הרב החסיד מוה"ר **חיים יחזקאל הערשקאוויטש** שליט"א יו"ר הועד להצלת הביה"ח.

ברוב סייעתא דשמיא און מיט די פולע באגלייטונג פונעם חשוב'ן יו"ר, איז אין די טעג פארענדיגט געווארן די פרעכטיגע אונטערנעמונג לטובת הביה"ח. אין משך פון די פארגאנגענע פאר יאר, איז שוין דורכגעפירט געווארן עטליכע פאזעס, ווי **בניית הגדר, שיפוץ הביה"ח, תיקון המצבות,** ווי אויך איז אהערגעשטעלט געווארן א **דעטאלירטע ליסטע** פון אלע נפטרים, מעשי ידיו להתפאר דורך דעם חשוב'ן און באגאבטע'ן יו"ר, וועלכע האט זיך אוועקגעגעבן לטובת הביה"ח אויף א אויסערגעווענליכן פארנעם, בכל דבר גדול וקטן, מיט פערזענליכע נסיעות, וא"א לפורטן כי רבים הם. און איצט לסיומא דמילתא איז אין פלאץ צו דערמאנען מעשי ידיו הגדולים. ובודאי וועט די גרויסע זכותים ביישטיין, און פאר די חשובע מנדבים החשובים הי"ו, להוושע בכל הטוב עם חיים טובים וברוכים וכט"ס.


ביה"ח מתוקן 383 ע"י אבותינו




Ocna Mures, Romania

## טעטש, אוקריינא

א גרויסע נאכפראגע איבערצובויען די אוהל הקודש, על ציון של הגה"ק **רבי אלי' בצלאל טייטלבוים** זי"ע, אבדק"ק טעטש. אין די איצטיגע טעג ווערט געמאכט א גרונטליכע הערכת שומא, אפצושאצן די איינצעלהייטן פונעם איבערבוי, באופן עס זאל זיין קדושת המקום בכבוד הראוי לתפארת האבוה"ק וזכות אבות יגן בעדינו להיזכר ולהיפקד בדבר ישועה ורחמים.


Tecso, Ukraine
ביה"ח מתוקן 190 ע"י אבותינו

## סקירה קצרה מהפעולות הגדולות ע"י המנוח הרבני מו"ה **הערשל לאנדא** ז"ל

נדבן של הסכום העצום **$144, 467**

לטובת הביה"ח החדש בעיר אוהעל

**תשס"ד**- ביה"ח החשובה אין א **בזיונ'דיגע, איבערגעוואקסענע** צושטאנד





**תשס"ד**- ביה"ח **גערייניגט,** ערנסטע פראבלעם- **לעכער אין די ערד** צוליב אונטערערדישע וויין קעלערן



אבותינו, אינאיינעם מיט ספעציאליסטן אין די לאקאלע מעיאר **זוכן אונטער דעם פראבלעם**



**אונטערזוכונגען אין די וויין קעלערן** אונטער דעם אוהעל בית החיים



אסטראנאמישע סכום פון **$144, 467** צו בויען דעם גדר. הרבני הנכבד **ר' הערשל לאנדא** ע"ה געווען די גאנצע איך זיך!

**תשס"ח**- הערליכע, **שטארקע גדר** געבויט געווארן



נאכ'ן פארענדיגן מיט בנין הגדר איז איבערגעבליבן געלט, אבער דער חשוב'ער נפטר ז"ל, וויל נישט צוריקנעמען. מ'גייט ווייטער מיט די ארבעט **אויפגעשטעלט 810 מציבות!**


Satoraljaujhely, Hungary

### זכות פעלו הגדולים יליץ בעדו ונחך ה' תמיד, והלך לפניך צדקך, כבוד ה' יאספך.

**יארצייטן**

**מדור מיוחד: בעד אלו גאו"ק זי"ע אשר היארצייט חל בשבוע זו ומנו"כ בהביה"ח שבונים / נבנו: ט' אלול:** רבי מנחם ב"ר יחזקאל דייטש זצ"ל אב"ד **גאלאנטא, פאלאנקא** | **י' אלול:** רבי מנחם נחום אבי ר' חיים צאנזער זצ"ל מחכמי הקלויז **בבראד** | **י"א אלול:** רבי משה חריף ב"ר הירץ זצ"ל **מבראד** | רבי צבי הירש ב"ר אליהו רייכמאן זצ"ל אב"ד **נאדיאידא** | **י"ב אלול:** רבי אליהו ב"ר בנימין שיק זצ"ל | **י"ג אלול:** רבי חיים מאיר זאב ב"ר בנימין הכהן הארטמאן אב"ד **שימלוי**


Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC) aka - Avoyseinu
18 Heyward St, Suite 200, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: info@hfpjc.com
Mailing Address 199 Lee Avenue #1114 Brooklyn NY 11211
Affiliated Organizations: London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha


HFPJC • אבותינו